# Excelsior Pass *Plus* וועגן

**וואס איז Excelsior Pass *Plus*?**

Excelsior Pass *Plus* איז א פארזיכערטע, דיגיטאלע קאפיע פון אייער COVID-19 וואקסין רעקארד אדער נעגאטיווע טעסט רעזולטאט.

אייער Excelsior Pass *Plus* שטעלט צו פארזיכערטע צוטריט צו אייער COVID-19 וואקסינירונג אדער טעסט רעזולטאטן אינפארמאציע. דאס אריינרעכענען געזונטהייט אינפארמאציע ערמעגליכט אייך צו האבן א באשטעטיגטע רעקארד פון אייער COVID-19 וואקסינירונג אדער נעגאטיווע טעסט רעזולטאט ביי די האנט. עס ענטהאלט די זעלבע אינפארמאציע וואס איר וואלט געפינען אויף אייער CDC וואקסינירונג קארטל אדער פאפירענע לאבראטאריע טעסט רעזולטאטן פאר רעקארד-האלטונג און/אדער באנוץ אינדרויסן פון ניו יארק סטעיט.

מען קען צוקומען צו און האלטן Excelsior Pass *Plus* דורך די NYS Excelsior Pass Wallet app, אדער דורך די Excelsior Pass Web Portal און געדרוקט. די NYS Excelsior Pass Wallet app קען ווערן דאונלאודעד אומזיסט פון די Apple App Store און Google Play Store.

Excelsior Pass *Plus* איז יעצט אוועילעבל אין ענגליש. נאך שפראכן וועלן פארעפנטליכט ווערן אין די נאנטע צוקונפט.

**זענען פאראן פארשידענע סארטן Excelsior Pass *Plus*?**

אזוי ווי Excelsior Pass, זענען יעצט דא דריי סארטן Excelsior Pass *Plus*:

- Excelsior Vaccination Pass *Plus* (עקסעלסיור וואַקסינאציע פּאַס פלוס) (אוועילעבל 15 טעג נאך די לעצטע דאזע פונעם וואקסין איז געגעבן געווארן; לויפט נישט אויס)
- Excelsior PCR Pass *Plus* (עקסעלסיור PCR פאס פלוס)(גילטיג ביז מיטן נאכט אויפן דריטן טאג נאך א טעסט)
- Excelsior Antigen Pass *Plus* (עקסעלסיור אנטיגען פאס פלוס) (גילטיג פאר 6 שטונדן פון די צייט פונעם טעסט)

# באקומען אן Excelsior Pass *Plus*

**וויאזוי ווייס איך אויב איך בין בארעכטיגט צו באקומען אן Excelsior Vaccination Pass *Plus*?**

איר זענט בארעכטיגט צו באקומען אייער Excelsior Vaccination Pass *Plus* אויב:

- עס איז שוין אריבער 15 טעג אדער מער זייט איר האט באקומען אייער לעצטע איינשפריץ אין אייער וואקסין רונדע און איר האט נישט גע'טעסט פאזיטיוו פאר COVID-19 אין די לעצטע 10 טעג; און
  - איר זענט גענצליך וואקסינירט געווארן אין די סטעיט פון ניו יארק **אדער**
  - איר זענט א ניו יארקער איינוואוינער וואס איז גענצליך וואקסינירט געווארן אין די סטעיט פון ניו דזשערזי **אדער**
  - איר זענט א ניו יארק איינוואוינער און אייער NYS העלטקעיר פראוויידער האט אריינגעלייגט אייער אינדרויסן-פון-שטאט אימיוניזאציע אינפארמאציע אין די ניו יארק סטעיט און/אדער ניו יארק סיטי דאטא-באזעס.

ביטע באמערקט אז עס מוז זיין אז איר האט באקומען א COVID-19 וואקסין אויטאריזירט דורך די עסן און דראג אדמיניסטראציע (Food and Drug Administration - FDA) פאר עמערדזשענסי באנוץ אין די פאראייניגטע שטאטן צו קענען באקומען אן Excelsior Vaccination Pass *Plus*.

**אויב איך בין וואקסינירט געווארן אינדרויסן פון ניו יארק סטעיט אבער איך קום נאך די בארעכטיגטקייט באדינגונגען פאר אן Excelsior Vaccination Pass *Plus*, וויאזוי קען איך באקומען מיין Excelsior Vaccination Pass *Plus*?**

פאר ניו יארק סטעיט איינוואוינער וועלכע זענען גענצליך וואקסינירט געווארן אינדרויסן פון ניו יארק סטעיט אדער ניו דזשערסי, אייער ניו יארק העלטקעיר פראוויידער מוזן אריינלייגן אייער וואקסינירונג אינפארמאציע אין די פארזיכערטע ניו יארק סטעיט און ניו יארק סיטי אימיוניזאציע דאטא-באזע, און זיי מוזן געבן דער COVID-19 וואקסין. ביטע באמערקט אז ווען איר גייט נעמען אייער Excelsior Vaccination Pass *Plus* פון די Excelsior Pass Web Portal, וועט איר דארפן אריינלייגן די קאונטי וואו אייער פראוויידער וואס האט אריינגעלייגט די אינפארמאציע געפינט זיך, נישט די קאונטי וואו איר האט באקומען אייער COVID-19 וואקסין.

**וויאזוי ווייס איך אויב איך בין בארעכטיגט צו באקומען אן Excelsior PCR Pass *Plus*?**

איר זענט בארעכטיגט צו באקומען אייער Excelsior PCR Pass *Plus* אויב אייער PCR טעסט איז געמאכט געווארן אין ניו יארק סטעיט, אינערהאלב די 3 טעג פון פרובירן צו באקומען אייער Excelsior PCR Pass *Plus*, און אייער רעזולטאטן זענען צוריקגעקומען נעגאטיוו. אן Excelsior PCR Pass *Plus* איז געווענליך אוועילעבל דערין אפאר שטונדן נאכ'ן באקומען אייער נעגאטיווע טעסט רעזולטאט פון אייער טעסטינג לעבראטאריע.

**וויאזוי ווייס איך אויב איך בין בארעכטיגט צו באקומען אן Excelsior Antigen Pass *Plus*?**

איר זענט בארעכטיגט צו באקומען אייער Excelsior Antigen Pass *Plus* אויב אייער אנטיגען טעסט איז געמאכט געווארן אין ניו יארק סטעיט, אינערהאלב די 6 שטונדן פון פרובירן צו באקומען אייער Excelsior Antigen Pass *Plus*, און אייער

רעזולטאטן זענען צוריקגעקומען נעגאטיוו. אן Excelsior Antigen Pass *Plus* איז געוועגליך אוועילעבל דערין אפאר שטונדן נאכ'ן באקומען אייער נעגאטיווע טעסט רעזולטאט פון אייער טעסטינג לעבראטאריע.

**איך האב קינדער אונטער 18 יאר אלט. דארפן זיי באקומען אן Excelsior Pass *Plus*? וויאזוי קענען זיי באקומען אן Excelsior Pass *Plus*?**

סיי ווער עס האט באקומען א COVID-19 וואקסין אדער נעגאטיווע COVID-19 טעסט רעזולטאטן אין די סטעיט פון ניו יארק איז בארעכטיגט פאר אן Excelsior Pass *Plus*, אריינגערעכנט קינדער אונטער 18 יאר אלט. איר קענט באקומען און האלטן א Excelsior Pass *Plus* פאר אייערע קינדער אויב איר ווילט.

**קען איך האבן צוטריט צו און באקומען אן Excelsior Pass *Plus* אויב איך בין נישט א ניו יארקער איינוואוינער?**

איר דארפט נישט זיין א ניו יארקער איינוואוינער צו באקומען אן Excelsior Pass *Plus*. אבער, אויב איר זענט נישט א ניו יארקער איינוואוינער, מוז זיין אז איר האט באקומען א COVID-19 וואקסין אדער נעגאטיווע COVID-19 טעסט רעזולטאטן אין די סטעיט פון ניו יארק.

**וועלכע סארט אינפארמאציע וועל איך דארפן צושטעלן צו באקומען מיין Excelsior Pass *Plus*?**

צו באקומען אייער Excelsior Pass *Plus*, וועט איר דארפן צושטעלן מינימאלע פערזענליכע אינפארמאציע, אריינגערעכנט אייער ערשטע און לעצטע נאמען, געבורט דאטום, ZIP קאוד, און טעלעפאן נומער. איר וועט אויך דארפן באשטעטיגן אייער אינפארמאציע מיט דריי "טשעלענדזש פראגעס" וועמענס ענטפערס זענען אייגנארטיג פאר אייך. Excelsior Pass *Plus* פאדערט אייך א גילטיגע טעלעפאן נומער אדער אימעיל פאר 2-פאקטארישע באשטעטיגונג, וועלכע וועט אונז ערמעגליכן צו צופאסן די אינפארמאציע צו אייער געזונטהייט רעקארד אז איר זאלט קענען באקומען אייער דיגיטאלע קאפיע.

**וויאזוי ווערט מיין Excelsior Pass *Plus* געמאכט?**

אייער Excelsior Pass *Plus* ווערט געמאכט באזירט אויף אינפארמאציע צוגעשטעלט דורך אייער וואקסין אדמיניסטרעיטער צו די פארזיכערטע ניו יארק סטעיט און ניו יארק סיטי אימיוניזאציע דאטא-באזעס.

טייל איינהייטן וואס זענען נישט אונטער די רעגולירטע באפולמעכטיגונג פון די סטעיט פון ניו יארק (ד.מ. פעדעראלע איינהייטן, ערשטע פעלקער און יוריסדיקציעס אינדרויסן פון ניו יארק סטעיט) וועלן מעגליך נישט באריכטן צו די סיסטעמען, וואס וועט מאכן אז אןExcelsior Pass *Plus* זאל נישט זיין אוועילעבל אין דעם צייט.

**וואס זאל איך טון אויב עס געלונגט מיר נישט צו באקומען אן Excelsior Pass *Plus*?**

ערשט, באשטעטיגט אז איר זענט בארעכטיגט צו באקומען אן Excelsior Pass *Plus*. אויב איר האט נאכאלץ פראבלעמען נאכ'ן באשטעטיגן אייער בארעכטיגקייט, ביטע מאכט זיכער אז די אינפארמאציע וואס איר לייגט אריין פאסט מיט די אינפארמאציע (ד.מ. נאמען, געבורט דאטום, און ZIP קאוד) פון אייער CDC וואקסינירונג קארטל, וויבאלד איר מוזט פונקטליך צופאסן צו די אינפארמאציע צו באקומען אייער Excelsior Pass *Plus*. איר וועט אויך מוזן צופאסן אייער טעלעפאן נומער אדער אימעיל צו די אינפארמאציע פארבינדן מיט אייער וואקסין רעקארד אדער נעגאטיווע טעסט רעזולטאטן.

**איך קען נאכאלץ נישט באקומען מיין Excelsior Pass *Plus*, וואס זאל איך טון?**

אויב איר קענט נאכאלץ נישט באקומען אייער Excelsior Pass *Plus*, ביטע שיקט אריין א רעקארד איבערזיכט, און אונזער שטאב וועט אייך צושטעלן מיט די נויטיגע שריט צו פאררעכטן דעם פראבלעם. מאכט זיכער צו שילדערן די פראבלעם מיט

די פאררעכטונג וואס איר דארפט (צ.ב. ערשטע נאמען איז נישט גוט געשריבן) אין די ''Describe Your Situation" ("שילדערט אייער פראבלעם") ארט.

איר זענט אויך געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט אייער וואקסין אדמיניסטרעיטער אדער טעסטינג לאבראטאריע צו פארזיכערן אז זיי האבן ארייגעלייגט אייער ריכטיגע טעלעפאן נומער אדער אימעיל אדרעס, וויבאלד איר וועט דארפן פונקטליך צופאסן צו די אינפארמאציע צו באקומען אייער Excelsior Pass *Plus*. ביטע ווייסט אז לויט דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט (Department of Health - DOH) אנווייזונג, מוזן אלע ניו יארק סטעיט וואקסין אדמיניסטרעיטערס ארייגלייגן וואקסינירונג אינפארמאציע אין די פארזיכערטע ניו יארק סטעיט און סיטי אימיוניזאציע דאטא-באזעס און האבן שטאב אוועילעבל סיי צו איבערקוקן און פאררעכטן די אינפארמאציע וואס זיי לייגן אריין, אויב מען באמערקט פראבלעמען מיט די ארייגעלייגטע אינפארמאציע.

# נוצן Excelsior Pass *Plus*

**וויאזוי נוץ איך מיין Excelsior Pass *Plus*?**

איר קענט צייגן אייער Excelsior Pass *Plus* אויף אייער סמארטפאן, דורך די NYS Excelsior Pass Wallet app, אדער עס ארויסדרוקן פון די Excelsior Pass Web Portal און צייגן די געדרוקטע ווערסיע.

ארגאניזאציעס וועלכע נעמען אן Excelsior Pass *Plus* קענען באשטעטיגן מיט די NYS Excelsior Pass Scanner app אדער אן אנדערע SMART Health Card-איוספאלג באשטעטיגונג אפליקאציע.

אויב איר זענט אן ערוואקסענע אין עלטער פון 18+ יאר, וועט איר אויך דארפן צייגן א בילד ID מיט אייער נאמען און געבורט דאטום צוזאמען מיט יעדע אייגנארטיגע Excelsior Pass *Plus*. ערוואקסענע קענען האלטן Excelsior Pass *Plus* פאר קינדער אונטער 18 יאר אלט.

**ווער קען אננעמען מיין Excelsior Pass *Plus*?**

אייער Excelsior Pass *Plus* קען ווערן אנגענומען דורך אנטיילנעמענדע ארגאניזאציעס אין ניו יארק סטעיט וועלכע זוכן באווייז פון וואקסינירונג און/אדער נעגאטיווע טעסט רעזולטאטן, און/אדער איינהייטן אינדרויסן פון ניו יארק סטעיט וועלכע נוצן די SMART Health Card לעזונגען, אנטוויקלט דורך VCI, וועלכע זענען שוין אין באנוץ אין סטעיטס אזוויי קאליפארניע, לאוזיאנא, און האוואי.

**וואס איז דער SMART Health Card Framework, אנטוויקלט דורךVCI?**

Excelsior Pass *Plus* איז געבויעט נוצנדיג SMART Health Cards Framework און באדינגונגען, אנטוויקלט איניאיינעם מיט VCI. VCI איז א פרייוויליגע צאמשטעל פון 570 פאבליק און פריוואטע ארגאניזאציעס וואס זענען איבערגעגעבן צו העלפן מענטשן מיט צוטריט צו א פארלעסליכע און באשטעטיגטע קאפיע פון זייער וואקסין רעקארדס אדער לעבראטאריע רעזולטאטן אין דיגיטאלע אדער פאפירענע פארעם נוצנדיג אפענע, נוצבארע סטאנדארטן.

Excelsior Pass *Plus* פארברייטערט דער ניו יארק סטעיט אונטערנעמונג צו העלפן מענטשן מיט צוטריט צו אן אומזיסטע, פארלעסליכע, פריוואטקייט-שטיצנדע, און באשטעטיגטע קאפיע פון זייער אייגענע וואקסין רעקארדס אדער לעבראטאריע רעזולטאטן אין פאפירענע אדער דיגיטאלע פארעם, און שטיצט די מיטארבעט פון סטאנדארטן נויטיג ארויסצוגעבן באשטעטיגטע געזונטהייט ווערדן איבער די וועלט - אונטערגעשריבענע מעדיצינישע אינפארמאציע אין פארבינדונג צו אן איינצלנע אידענטיטעט.

**בין איך געפאדערט צו נוצן מיין Excelsior Pass *Plus*?**

ניין, אנטיילנעמונג איז פרייוויליג. אייער Excelsior Pass *Plus* ערמעגליכט אייך צו זיין אין קאנטראל פון אייער געזונטהייט אינפארמאציע. אפילו נאכ'ן באקומען אן Excelsior Pass *Plus*, באשליסט איר אויב, ווען, אדער וויאזוי עס צו נוצן און צייגן.

וואו גילטיג, מוז אן אנדערע באווייז פון וואקסינירונג און/אדער נעגאטיווע טעסט רעזולטאטן, אזויווי א CDC וואקסין קארטל אדער פאפירענע טעסט רעזולטאטן, אויך ווערן אנגענומען.

**וויפיל קאסט עס צו נוצן אן Excelsior Pass *Plus*?**

Excelsior Pass *Plus* איז אומזיסט.

**קען איך צייגן מער ווי איין סארט Pass אויף די זעלבע דעווייס?**

יא. איר קענט באקומען, האלטן, אדער ווייזן אזויפיל Passes פאר וואס איר זענט בארעכטיגט. דאס רעכנט אריין:

- Excelsior Vaccination Pass
- Excelsior PCR Pass
- Excelsior Antigen Pass
- Excelsior Vaccination Pass *Plus*
- Excelsior PCR Pass *Plus*
- Excelsior Antigen Pass *Plus*

פאר מער אינפארמאציע אויף Excelsior Pass, ביטע באזוכט די Excelsior Pass FAQ's.

**קען איך צייגן Excelsior Pass *Plus* פאר מער ווי איין מענטש אויף די זעלבע דעווייס?**

יא, מערערע Excelsior Pass *Plus* פאר ערוואקסענע אין עלטער פון 18+ און קינדער אונטער 18 קענען ווערן געהאלטן אויף די זעלבע דעווייס.

**ווי לאנג וועל איך קענען נוצן מיין Excelsior Pass *Plus*? וועט עס אויסלויפן?**

אייער Excelsior Vaccination Pass *Plus* איז א דיגיטאלע קאפיע פון אייער COVID-19 וואקסין רעקארד. דעריבער, האט אייער Excelsior Vaccination Pass *Plus* נישט קיין אויסלויף דאטום.

אייער Excelsior PCR Pass *Plus* איז גילטיג ביז מיטן נאכט אויפן דריטן טאג נאך א טעסט. נאך אייער Excelsior PCR Pass *Plus* לויפט אויס, איז א נייע נעגאטיווע טעסט פארלאנגט צו באקומען א נייעExcelsior PCR Pass *Plus*.

אייער Excelsior Antigen Pass *Plus* איז גילטיג פאר 6 שטונדן פון די צייט פונעם טעסט. נאך אייער Excelsior Antigen Pass *Plus* לויפט אויס, איז א נייע נעגאטיווע טעסט פארלאנגט צו באקומען א נייעExcelsior Antigen Pass *Plus*.

**קען איך צוריקבאקומען מיין געלט אויב איך האב געקויפט א טיקעט צו אן אווענט, אבער מיין Excelsior Pass *Plus* איז נישט גילטיג?**

צוריקבאצאל פאליסיס זענען אייגנארטיג פארן ארגאניזאציע וואס איר באזוכט. מיר שלאגן פאר אז איר זאלט דירעקט פרעגן דער ארגאניזאציע וואס זייער צוריקבאצאל פאליסי איז.

# צוטריט

**וויאזוי קען איך באקומען אן Excelsior Pass *Plus* אויב איך האב נישט קיין צוטריט צו א סמארטפאון?**

אנטייל נעמען אין Excelsior Pass *Plus* איז פרייוויליג און איז געמאכט צו אריינרעכענען אלע ניו יארקער, אפגעזען פון זייער צוטריט צו א סמארטפאון. איר קענט גרינגערהייט ארויסדרוקן א Pass *Plus* דורך דער Excelsior Pass Web Portal.

איר קענט אויך ווייזן אנדערע באווייז פון COVID-19 וואקסינירונג אדער נעגאטיווע טעסט רעזולטאטן, אזוי ווי א פאפירענע בויגן, דירעקט ביי אן ארגאניזאציע.

**איז Excelsior Pass *Plus* אוועילעבל אין מערערע שפראכן?**

Excelsior Pass *Plus* איז יעצט אוועילעבל אין ענגליש. נאך שפראכן וועלן פארעפנטליכט ווערן אין די נאנטע צוקונפט.

**איז Excelsior Pass *Plus* צוגענגליך פאר מענטשן וואס האבן מעגליך הער-קראפט אדער זע-קראפט באגרעניצונגען?**

יא. דער אפליקאציע איז אויך אדורך אסאך צוטריט טעסטינג צו פארזיכערן אז עס איז גרינג צו נוצן פאר די וואס האבן הער-קראפט אדער זע-קראפט באגרעניצונגען.

# פאליסיס

**וואס איז דער אונטערשייד צווישן א PCR טעסט און אן Antigen טעסט?**

לויט די עסן און דראג אדמיניסטראציע (FDA), זענען PCR טעסטס מאלעקיולער טעסטס וואס כאפן אויף די ווירוס'ס גענעטישע מאטריאל, און Antigen טעסטס כאפן אויף ספעציפישע פראטיענען פונעם ווירוס. לייענט מער וועגן טעסטינג אין די FDA'ס Coronavirus Disease 2019 Testing Basics(קאראנאווירוס קראנקייט 2019 טעסטינג בעיסיקס).

**וואו קען איך מאכן א COVID-19 טעסט?**

טעסטינג פאר COVID-19 איז אוועילעבל אויף א ברייטע פארנעם דורכאויס ניו יארק סטעיט. מענטשן וואס האבן פראגעס איבער COVID-19 טעסטינג זאלן רופן די ניו יארק סטעיט COVID-19 האטליין אויף 1-888-364-3065 אדער באזוכן NYS Find A Test Site Near You (NYS געפינען א טעסטינג ארט נעבן אייך).

**אויב איך האב גע'טעסט פאזיטיוו פאר COVID-19 אנטיבאדיס, קען איך באקומען אן Excelsior Pass *Plus*?**

יעצט, איז Excelsior Pass *Plus* נאר אוועילעבל פאר COVID-19 וואקסינירונג אדער נעגאטיווע COVID-19 דיאגנאסטישע טעסט רעזולטאטן אין איינקלאנג מיט ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט (DOH) אנווייזונגען.

# זיכערהייט און פריוואטקייט

**איז מיין אינפארמאציע פריוואט און פארזיכערט?**

יא. אייער אינפארמאציע איז פריוואט, פארזיכערט, און ווערט נאר גענוצט צו באקומען אייער Excelsior Pass *Plus*. אייער פערזענליכע אינפארמאציע וועט נישט גענוצט ווערן פאר סעילס אדער מארקעטינג צוועקן אדער ווערן מיטגעטיילט מיט א דריטע פארטיי, סיידן פאר די איינציגע צוועק פון באשטעטיגן COVID-19 וואקסינירונג אדער נעגאטיווע טעסט רעזולטאטן.

איר באשליסט ווען, אויב, און וויאזוי צו צייגן אייער Excelsior Pass *Plus*. ציגן אייער Excelsior Pass *Plus* איז פונקט אזוויי מיטטיילן אייער CDC וואקסינירונג קארטל אדער פאפירענע טעסט רעזולטאטן.

אייער Excelsior Pass *Plus* פארמאגט קריפטאגראפישע אונטערשריפטן צו איפווייזן פאר'ן באשטעטיגער אז עס איז אן איפריכטיגע קרעדענשעל ארויסגעגעבן דורך ניו יארק סטעיט און איז נישט געטשעפעט אדער געטוישט געווארן. איר מוזט אויך ציגן א בילד ID מיט א נאמען און געבורט דאטום אינאיינעם מיט אייער Excelsior Pass *Plus* צו פארזיכערן אז איר נוצט א Excelsior Pass *Plus* וואס באלאנגט צו אייך.

**וויאזוי ווערט מיין אינפארמאציע פארזיכערט ווען איך באקום אן Excelsior Pass *Plus*?**

אין צוגאב צו אריינלייגן אייער ערשטע און לעצטע נאמען, געבורט דאטום, ZIP קאוד און טעלעפאן נומער, מוזט איר ריכטיג ענטפערן א סעריע פון "טשאלענדזש פראגעס" אייגנארטיג פאר אייך (צום ביישפיל, *'וועו האט איר באקומען דער לעצטע דאזע פון אייער וואקסין?'*). ענטפערס צו די "טשעלענדזש פראגעס" גענוצט צו באשטעטיגן אייער אידענטיטעט וועלן נישט געהאלטן ווערן.

איר וועט אויך מוזן אריינלייגן אן ארויסגעגעבענע 6-ציפער קאוד צו באקומען אייער Excelsior Pass *Plus*. דער קאוד וועט געשיקט ווערן זיכערהייט צו אייך אלס א טעקסט צו א סעלפאון נומער; א וואוס-מעסעדזש צו א היים טעלעפאן נומער; אדער אן אימעיל צו אן אימעיל אדרעס פארבינדן מיט אייער COVID-19 וואקסינירונג רעקארד. די צוגעקומענע באשטעטיגונג פאקטאר העלפט נאכמער פארמינערן די מעגליכקייט אז איינער אנדערש אויסער אייך זאל קענען באקומען אייער COVID-19 וואקסינירונג רעקארד אדער טעסט רעזולטאטן.

**צו וועלכע געזונטהייט אינפארמאציע קען Excelsior Pass *Plus* האבן צוטריט?**

ווען איר באקומט א COVID-19 וואקסין אדער טעסט אינעם סטעיט פון ניו יארק, באקומט דער דעפארטמענט אוו העלט (DOH) א קאפיע פון אייער רעקארדס פון אייער וואקסין אדמיניסטרעיטאר, פראוויידער אדער טעסטינג לאבאראטאריע. נוצנדיג די אינפארמאציע וואס איר שטעלט צו, טוט Excelsior Pass *Plus* זוכן די דעפארטמענט אוו העלט'ס (DOH) רעקארדס פאר אייער COVID-19 וואקסינירונג אדער COVID-19 נעגאטיווע טעסט רעזולטאטן און דאן געבט אייך אן Excelsior Pass *Plus*.

**וועט מיין פערזענליכע אינפארמאציע ווערן געהאלטן אין די NYS Excelsior Pass Wallet app?**

אויב איר ווילט אויס צו נוצן די NYS Excelsior Pass Wallet app צו האלטן אייער Excelsior Pass *Plus*, וועט אייער ערשטע נאמען, לעצטע נאמען, און געבורט דאטום געהאלטן ווערן אויף אייער Excelsior Pass *Plus*. איר באשליסט ווען, אויב, און וויאזוי צו צייגן אייער Excelsior Pass *Plus*.

פאר אן Excelsior Vaccination Pass *Plus*, וועט אינפארמאציע וואס פאסט די אינפארמאציע וואס שטייט אויף אייער CDC וואקסינירונג קארטל אויך געהאלטן ווערן. דאס רעכנט אריין:

- דאטום(ס) פון וואקסין דאזע(ס)
- וואקסין סארט
- וואקסינירונג לאקאציע
- LOT נומער

פאר אן Excelsior PCR אדער Antigen Pass *Plus*, וועט אינפארמאציע וואס פאסט די אינפארמאציע וואס שטייט אויף אייער טעסט רעזולטאטן אויך געהאלטן ווערן. דאס רעכנט אריין:

- טעסט דאטום און צייט
- טעסט סארט
- טעסט רעזולטאט
- טעסטינג ארט
- LOINC קאוד
- טעסט שילדערונג

ענטפערס צו די "טשעלענדזש פראגעס" גענוצט צו באשטעטיגן אייער אידענטיטעט וועלן נישט געהאלטן ווערן.

איר קענט אויסמעקן אן Excelsior Pass *Plus* סיי ווען.

**וועלכע פערזענליכע אינפארמאציע קענען באשטעטיגער זען ווען זיי סקענ'ען מיין Excelsior Pass *Plus*?**

ווען א באשטעטיגער וואס נוצט דער NYS Excelsior Pass Scanner app סקענ'ט אייער Excelsior Pass *Plus*, איז די איינציגסטע פערזענליכע אינפארמאציע וואס זיי קענען זען אייער ערשטע נאמען, לעצטע נאמען, און געבורט דאטום.

פאר אן Excelsior Vaccination Pass *Plus*, וועט א באשטעטיגער וואס נוצט אן אנדערע SMART Health Card-אויספאלג באשטעטיגער אפליקאציע אויך קענען זען געזונטהייט אינפארמאציע, וואס שטימט מיט דער אינפארמאציע אויף אייער CDC וואקסינירונג קארטל. דאס רעכנט אריין:

- דאטום(ס) פון וואקסין דאזע(ס)
- וואקסין סארט
- וואקסינירונג לאקאציע
- LOT נומער

פאר אן Excelsior PCR אדער Antigen Pass *Plus*, וועט א באשטעטיגער וואס נוצט אן אנדערע SMART Health Card-אויספאלג באשטעטיגער אפליקאציע אויך קענען זען געזונטהייט אינפארמאציע, וואס שטימט מיט דער אינפארמאציע אויף אייער טעסט רעזולטאטן. דאס רעכנט אריין:

- טעסט דאטום און צייט
- טעסט סארט
- טעסט רעזולטאט
- טעסטינג ארט
- LOINC קאוד
- טעסט שילדערונג

**וועלן באשטעטיגער וואס סקענ'ען מיין Excelsior Pass *Plus* קענען האלטן מיין פערזענליכע אינפארמאציע?**

באשטעטיגער וואס נוצן דער NYS Excelsior Pass Scanner app צו סקענ'ען אייער Excelsior Pass *Plus* וועט נישט קענען האלטן אייער אינפארמאציע.

א באשטעטיגטע פארטיי וואס סקענ'ט אייער Excelsior Pass *Plus* נוצנדיג אן אנדערע SMART Health Card-אויספאלג באשטעטיגער אפליקאציע, אויסער דער NYS Excesior Pass Scanner app, וועט מעגליך קענען האלטן די אינפארמאציע ענטהאלטן אין אייער Excelsior Pass *Plus* דעריבער זאלט איר נאר מיטטיילן אייער Excelsior Pass *Plus* מיט באקאנטע און פארלעסליכע פארטייען. אויך, איידער איר ציייגט אייער Excelsior Pass *Plus* פאר א באשטעטיגער צו ווערן גע'סקענ'ט, איז פארגעשלאגן אז איר זאלט פארלאנגען און איבערגיין דער באשטעטיגער'ס פאליסי אויף האלטן און מיטטיילן גע'סקענ'טע אינפארמאציע. באשטעטיגט אז עס וועט נאר גענוצט ווערן פאר'ן צוועק פון באשטעטיגן אייער COVID-19 וואקסינירונג אינפארמאציע אדער טעסט אינפארמאציע אין דעם צייט און דאן זאפארט אויסגעמעקט ווערן.

אויב איר וועלט אויס צו ארויסדרוקן און נוצן א פאפירענע קאפיע פון אייער Excelsior Pass *Plus*, זאלט איר פארזיכערן און האלטן פיזישע קאנטראל איבער דער געדרוקטע Excelsior Pass *Plus* אזוויווי איר וואלט געטון מיט אייער CDC וואקסינירונג קארטל, טעסט רעזולטאטן, אדער אנדערע סענסיטיווע דאקומענטן וואס ענטהאלטן סענסיטיווע, פערזענליכע אינפארמאציע.

אייער Excelsior Pass *Plus* ציייגט די זעלבע אינפארמאציע ווי אייער CDC וואקסינירונג קארטל. אייער Excelsior PCR Pass *Plus* און/אדער Excelsior Antigen Pass *Plus* ציייגט די זעלבע אינפארמאציע ווי אייער COVID-19 טעסט רעזולטאטן. איר קענט פרעגן באשטעטיגטע ארגאניזאציעס וואס וועלן סקענ'ען דער QR קאוד אין אייער Excelsior Pass *Plus* וויאזוי זיי וועלן נוצן אייער אינפארמאציע אדער אויב זיי וועלן עס האלטן. נאר איר באשליסט ווען, אויב, און וויאזוי צו ציייגן אייער Excelsior Pass *Plus*.

**טוט Excelsior Pass *Plus* נאכגיין מיין לאקאציע?**

ניין. Excelsior Pass *Plus* גייט נישט נאך אייער לאקאציע.

**ווען ניו יארק סטעיט אדער סיי וועם ווערן געמאלדן אויב איך פראביר צו באקומען אן *Plus* Excelsior Pass נאך א פאזיטיווע COVID-19 טעסט רעזולטאט?**

ניין. *Plus* Excelsior Pass טיילט נישט מיט אייער אינפארמאציע מיט קיינעם. און, מען קען נישט באקומען אן Excelsior Pass *Plus* אויב מען האט געהאט א פאזיטיווע טעסט רעזולטאט.

**קען איך נוצן דעם עפפ צו זען אויב איינער אנדערש איז גענצליך וואקסינירט אדער גע'טעסט נעגאטיוו פאר COVID-19?**

ניין. *Plus* Excelsior Pass איז געאייגנט בלויז פאר פערזענליכע באנוץ.

**וואו קען איך ליינען די *Plus* Excelsior Pass פריוואטקייט פאליסי?**

איר קענט זען די *Plus* Excelsior Pass פריוואטקייט פאליסי דורך באזוכן דער Excelsior Pass פריוואטקייט וועב-בלאט.

# טעכנישע שטיצע

**וואס זענען די הויפט פאדערונגען פארן נוצן די Excelsior Pass אפליקאציעס?**

Excelsior Pass אפליקאציעס ארבעטן מיט סמארטפאונס וואס לויפן אויף iOS 13.0+ אדער Android 7.0+.

אויב איר ווילט, קענט איר אויך באקומען אייער *Plus* Excelsior Pass דורך די [Excelsior Pass וועבסייט](https://epass.ny.gov) און ארויסדרוקן א פאפירענע קאפיע.

**וואס זאל איך טון אויב מיין וואקסינירונג אדער טעסט אינפארמאציע קען נישט ווערן באשטעטיגט?**

**פאר אן *Plus* Excelsior Vaccination Pass:** ביטע קוקט איבער אויב איר האט אריינגעלייגט אייער אינפארמאציע פונקטליך אזוי ווי עס שטייט אויף אייער CDC וואקסינירונג קארטל, וויבאלד איר דארפט ריכטיג פאסן מיט יענע אינפארמאציע צו באקומען אייער *Plus* Excelsior Pass. דאס רעכנט אריין:

- די קאונטי וואו איר האט באקומען אייער וואקסין (פאר ניו יארקער וואקסינירט אינדרויסן פון ניו יארק סטעיט אדער ניו דזשערסי, איז דאס די קאונטי אין וועלכע אייער העלטקעיר פראוויידער וואס לייגט אריין אייער אינפארמאציע געפונט זיך).
- דער דאטום ווען איר האט באקומען די לעצטע דאזע פון אייער וואקסין סעריע (איין דאזע פון Johnson and Johnson/Janssen וואקסינירונג סעריע אדער די צווייטע דאזע פון די צוויי-דאזע Pfizer אדער Moderna סעריע).
- די סארט וואקסין וואס איר האט באקומען.

**פאר אן *Plus* Excelsior PCR Pass אדער *Plus* Excelsior Antigen Pass:** ביטע קוקט איבער אויב איר האט אריינגעלייגט אייער אינפארמאציע פונקטליך אזוי ווי עס שטייט אויף אייער טעסט רעזולטאטן, וויבאלד איר דארפט ריכטיג פאסן מיט יענע אינפארמאציע צו באקומען אייער *Plus* Excelsior Pass. דאס רעכנט אריין: אייער ערשטער נאמען, לעצטער נאמען, דער לאקאציע וואו איר האט באקומען אייער טעסט, דער דאטום ווען איר זענט געווארן גע'טעסט, און די סארט טעסט וואס איר האט באקומען.

א צוויי-פאקטאר באשטעטיגונג מוז פארקומען כדי איר זאלט באקומען אייער *Plus* Excelsior Pass. כדי דאס אויסצופירן, מוז א גילטיגע אימעיל אדרעס אדער טעלעפאן נומער זיין אויפ'ן רעקארד.

אויב איר קענט נאך אלס נישט באקומען אייער *Plus* Excelsior Pass, קענט איר:

- זיך פארבינדן מיט אייער וואקסין אדמיניסטרעיטער צו באשטעטיגן אז אייער ריכטיגע אינפארמאציע איז אריינגעגעבן געווארן. אלע וואקסין אדמיניסטרעיטערס מוזן האבן שטאב וואס זענען געווידמעט און אוועילעבל צו פארריכטן אזעלכע פראבלעמען. איינמאל א לעבראטאריע האט אריינגעגעבן טעסט רעזולטאט אינפארמאציע צו די סטעיט, קען עס נישט געטוישט ווערן.
- אויב איר זענט וואקסינירט געווארן און א סיטי-אנגעפירטע ארט אין ניו יארק סיטי און פאדערט א טויש צו א וואקסין רעקארד, קענט איר רופן 311 פון אינערהאלב דער סיטי אדער 212-639-9675 פון אינדרויסן פון ניו יארק סיטי אדער אימעיל'ט [cir@health.nyc.gov](mailto:cir@health.nyc.gov). אויך, אויב איר זענט א ניו יארק סיטי איינוואוינער און גענצליך

וואקסינירט אבער האט פארלוירן אייער CDC וואקסינירונג קארטל, קענט איר פארלאנגען א קאפיע פון אייער COVID-19 וואקסינירונג רעקארד דורך רופן 311.

- געבט אריין א רעקארד איבערזיכט פארלאנג בויגן. ביטע באמערקט אז די בויגן איז בלויז פאר וואקסינירונג רעקארדס, נישט טעסט רעזולטאט רעקארדס.
- רופט די Excelsior Pass הילף טיש אויף (844) 699-7277 פאר אלגעמיינע פראגעס/צו באקומען הילף מיט'ן אריינגעבן א רעקארד איבערזיכט פארלאנג צו העלפן לייזן דעם פראבלעם.

ביזדערוייל, קענט איר ווייזן אנדערע באווייז פון COVID-19 וואקסינירונג אדער נעגאטיווע טעסט רעזולטאטן, אזוי ווי א פאפירענע בויגן, דירעקט צו אן ארגאניזאציע.

### וויאזוי נעם איך אראפ אן Excelsior Pass *Plus* פון די Excelsior Pass Wallet app?

ביטע קוקט איבער וויאזוי אראפצונעמען אן Excelsior Pass *Plus* אין די שריט-ביי-שריט אנווייזונגען וואס זענען די מערסטע נוגע צו אייך:

- NYS Excelsior Pass Wallet פאר iOS
- NYS Excelsior Pass Wallet פאר Android

### וואס זאל איך טון אויב איך האב פראגעס איבער Excelsior Pass *Plus*?

פאר אלגעמיינע אדער טעכנישע פראגעס וועגן Excelsior Pass *Plus*, אריינגערעכנט וויאזוי זיך צו אומגיין מיט'ן וועבסייט אדער באקומען אייער Excelsior Pass *Plus*, קענט איר אויספולן די שטיצע בויגן אדער זיך פארבינדן מיט די Excelsior הילף טיש אויף 844-699-7277 פון 8 אזייגער אינדערפרי ביז 8 אזייגער ביינאכט יעדן טאג. ביטע באמערקט אז די שטיצע שטאב האט נישט צוטריט צו סיי וועלכע פון אייער פערזענליכע געזונטהייט רעקארדס און וועט אייך נישט קענען געבן ספעציפישע איינצלהייטן איבער פערזענליכע בארעכטיגקייט פאר אן Excelsior Pass *Plus*.

### וויאזוי קען איך אריינגעבן פידבעק איבער די עפפ אדער Excelsior Pass *Plus*?

אויב איר האט פידבעק וועגן Excelsior Pass *Plus*, ביטע טיילט עס מיט דורך אונזער שטיצע בויגן.

### אויב איר האט פראבלעמען, ביטע קוקט איבער איינע פון אונזערע בייהילפיגע, שריט-ביי-שריט וועגווייזערס:

- Excelsior Pass Website | español
- NYS Excelsior Pass Wallet for iOS | español
- NYS Excelsior Pass Wallet for Android | español

אויב איר קענט נאכאלץ נישט לייזן אייער פראבלעם, קענט איר אלעמאל נוצן אן אנדערע פארעם פון באווייז, אזיווי א פאפירענע בויגן, פון אייער COVID-19 וואקסינירונג אדער נעגאטיווע טעסט רעזולטאטן.

# פאר פראווײדערס

**אלס א פראווײדער, װעלכע COVID-19 װאקסינירונג אינפארמאציע בין איך פאראנטווארטליך צוצושטעלן?**

איר זענט פאראנטווארטליך צו באריכטן פולע און פונקטליכע COVID-19 װאקסינירונג אינפארמאציע צו די פאסיגע דאטא סיסטעמען (CIR פאר ניו יארק סיטי פראווײדערס, NYSIIS פאר אלע אנדערע פראווײדערס) אינערהאלב 24 שטונדן פון געבן דעם װאקסין. אלע פארלאנגטע און קריטישע פראגעס מוזן װערן אויסגעפולט װען די אינפארמאציע װערט אריינגעלייגט. פאר מער אינפארמאציע איבער אינפארמאציע באריכטן אנווייזונגען, ביטע באזוכט די NYSIIS and CIR Requirements for Providers(NYSIIS און CIR פאדערונגען פאר פראווײדערס).

**אלס איינער װאס געבט COVID-19 װאקסינען, װאס זאל איך טון װען קונדן/פאציענטן זאגן מיר אז זיי האבן פראבלעמען מיטן באקומען אן *Plus* Excelsior Pass?**

דער פראווײדער װאס געבט דעם װאקסין איז פאראנטווארטליך צו אריינלייגן אלע װאקסין אינפארמאציע ריכטיג אין NYSIIS (אדער CIR אויב דער פראווײדער איז אין ניו יארק סיטי). אויב איינע פון אייערע קונדן/פאציענטן האבן פראבלעמען מיט באקומען זייער *Plus* Excelsior Pass, זאל אייער ערשטע שריט זיין צו איבערקוקן זייער אינפארמאציע אין NYSIIS/CIR (קוקט נישט בלויז אין אייער סיסטעם/עלעקטראנישע מעדיקעל רעקארד). פאר מער אינפארמאציע אויף װאס צו קוקן און וויאזוי צו פארריכטן אינפארמאציע גרייזן, ביטע באזוכט דעדExclesior Pass Fact Sheet for Vaccine Providers (Excelsior Pass פאקט בלאט פאר װאקסין פראווײדערס).

**אויב איך בין א ניו יארק סטעיט העלטקעיר פראווײדער, קען איך אריינגעבן COVID-19 װאקסין אינפארמאציע פאר פאציענטן װאס װאוינען אין ניו יארק סטעיט, אבער האבן באקומען זייער װאקסין אינדרויסן פונעם סטעיט?**

אויב איר האט פאציענטן װאס זענען װאקסינירט געווארן אינדרויסן פון ניו יארק סטעיט און קענען ווייזן באווייז פון װאקסינירונג זאלט איר אריינלייגן די פאציענטן'ס אימוניזאציע רעקארדס אין די פארזיכערטע ניו יארק סטעיט און ניו יארק סיטי אימוניזאציע דאטא-באזעס. איר װעט זיי אריינגעבן אלס היסטארישע דאזעס צו ווייזן אז איר האט נישט געגעבן דעם דאזע צו דעם פאציענט. אויב איר זענט א ניו יארק סטעיט פראווײדער, ביטע באזוכט NYSIIS and CIR Requirements for Providers (NYSIIS און CIR פאדערונגען פאר פראווײדערס). מער אינפארמאציע איבער אריינלייגן COVID-19 װאקסינירונג אינפארמאציע.